**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער קעטי מעלדט ארבעט אפמאך מיט די PEF און די UUP רעפרעזענטירנדיג מער ווי 88,000 ארבעטער

***די אפמאך מיט PEF רעכנט אריין מער ווי 51,000 ניו יארק סטעיט ארבעטער, די צווייט גרעסטע יוניאן מיט סטעיט ארבעטער***

***די אפמאך מיט די UUP נעמט אריין מער ווי 37,000 איינגעשטעלטע און פראפעסיאנעלע שטאב פון די SUNY סיסטעם, די לאנד'ס גרעסטע העכערע עדיוקעישן יוניאן***

***די אפמאך רעכנט אריין יערליכע באצאלונג העכערונג, העכערונג אין לאוקעישן באצאלונג, און טוישונגען אין געזונטהייט בענעפיטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז איר אדמיניסטראציע איז אנגעקומען צו א קאנטראקט איינשטימונג מיט די ניו יארק סטעיט פאבליק ארבעטער פעדערעישן און מיט די יונייטעד יוניווערסיטי פראפעשנס. די אפמאך מיט די PEF איז פאר א דריי יעריגע טערמין וואס לויפט ביז אפריל 1, 2026 פאר מער ווי 51,000 ניו יארק סטעיט ארבעטער אין א ברייטע רייע פון פראפעסאניאלע, סייענטיפישע, און טעכנישע טיטלען. די אפמאך מיט די UUP איז פאר א פיר יעריגע טערמין וואס לויפט ביז יולי 1, 2026 פאר מער ווי 37,000 SUNY סיסטעם איינגעשטעלטע און פראפעסעניאלע ארבעטער. ביידע אפמאכן זענען אויסגעשטעלט פאר אפשטימונג דורך די יוניאן מעמבערשיפ.

"די אפמאכן מיט די PEF און UUP רעפרעזענטירן א גרויסע געווינס פאר די שווער ארבעטנדע ארבעטער פון די ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די אפמאכן, טוט מיין אדמיניסטראציע שטיין אויף אירע צוזאגן צו אינוועסטירן אין ניו יארק'ס פאבליק ארבעטסקראפט און טוט ווייטער ארבעטן האנט אין האנט מיט אונזערע שוועסטער און ברודער אין ארבעט. איך אפלאדיר די יוניאן'ס פירערשאפט פארן העלפן צושטאנד ברענגען די אפמאך און פאר זייער באטייליגונג אין פארזיכערן אז ניו יארקער אבעטער אפצאלאון בענעפיטן טוען אפשפיגלען זייערע וויכטיגעביישטייערונגען צו אונזער סטעיט."

**פאבליק ארבעטער פעדערעישן פרעזידענט ווין ספענס זאגט,** "גאווערנער האקול האט צוגעזאגט צו אינוועסטירן אין די פאבליק ארבעטסקראפט און מיר גלייבן אז די קאנטראקט טוט אפשפיגלען דעם צוזאג. זי האט שוין לאנג געשעצט די סערוויסעס וואס PEF מיטגלידער טוען צושטעלן פאר ניו יארקער אין גוטע און שווערע צייטן. און מיט דעם קאנטראקט, טוט זי אנערקענען די דריגנדע נויט צו ציען די סטעיט ארבעטער צו יעדע ארבעטס טיטל מיט גלייכע וועידזשעס און סאלידע בענעפיטן. צוזאמען מיט די איניציאטיוון וואס זענען געווארן איינגעשטעלט אין די יאריגע בודזשעט, וועט די קאנטראקט גיין א לאנגע וועג אין אויפנעמען און האלטן די טויגליכע פראפעסעניאלן וואס ניו יארק ברויכט."

**יונייטעד יוניווערסיטי פראפעשענס פרעזידענט פרעדעריק ע. קאוועל, Ph.D. זאגט,** "דאס איז א היסטארישע אפמאך וואס בויט אויף די פארדינסטן וואס זענען עררייכט געווארן אין אונזער לעצטע קאנטראקט, אלעס בשעת'ן אדרעסירן פיל פון אונזערע מיטגלידער'ס יעצטיגע זארגן. איז איז א יושר'דיגע און גלייכע אפמאך מיט א זאכליכע אפצאל העכערונגען,  מינימום אפצאל פארדינסטן פאר געוויסע פארט טיים איינגעשטעלטע און אנדערע פארבעסערונגען וואס זענען וויכטיג פאר אונזערע מיטגלידער. איך וואלט געוואלט דאנקען גאווערנער קעטי האקול פארן ארבעטן מיט די UUP צו טרעפן א געמיינזאמע שטראסע אויף די אומבאשטעטיגטע אפמאך, און איך קוק ארויס צו מיטארבעטן מיט איר אין ארבעטן צו אויפבויען SUNY נאך אסאך יארן פון נאכסלעסיגקייט. די אומבאשטעטיגטע אפמאך טוט פארבעסערן UUP מיטגלידער'ס פראפעסיאנאלע לעבנס, און דאס איז גוטע נייעס פאר אונזערע סטודענטן, פאציענטן און קאמפוס קאמיוניטיס."

**SUNY קאונסלער דזשאן ב. קינג, דזשוניאר זאגט,** "SUNY'ס הויכע עדיוקעישן איז נאר מעגליך צוליב די טאלאנטפולע און וויסנשטאפטליכע איינגעשטעלטע און געטרייע און פראפעסיאנאלע שטאפ וואס טוען שטופן אונזער קאמפוסן פאראויס. דורכאויס מיינע באזוכן צו די סעמעסטער צו אלע פון  אונזערע קאמפוסן, האבן סטודענטן נאכאמאל און נאכאמאל אויסגעלויבט די איינגעשטעלטע פאר זייער קלוגשאפט און לערנען, זייער טויגליכקייט און אנצייגונג זיי צו העלפן דורכגיין א שווערע קלאס אדער דורכגאנג, און פארן כסדר קוקן צו מאכן זיכער אז זיי זענען אקעי. ענליך, טוען איינגעשטעלטע, נורסעס, און שטאב אין אנזער SUNY מעדיצינישע צענטערן צושטעלן וויכטיגע פלעגונג פאר פאציענטן. איך בין צופרידן אז אונזער UUP און PEF מיטגלידער האבן א יושר'דיגע און גלייכע אפמאך."

ביידע קאנטראקט אפמאכן טוען העכערן אפצאל פאר ארבעטער אין יעדע יאר פון די אפמאך, אין קלאנג מיט די פארהאנדלטע אפמאכן. די אפמאכן נעמט אויך אריין העכערונגען אין לאוקעישן אפצאל און טוישונגען אין העלט בענעפיטן אין קלאנג מיט אנדערע יעצטיגע געסעטלטע קאנטראקט אפמאכן.

די קאנטראקט מוז יעצט ווערן באשטעטיגט דורך די יוניאן עקזעקיוטיוו באהערדע און אפגעשטימט דורך די יוניאן מעמבערשיפ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן